© copyright 2003 AFII

קאַפּיטל  פֿיר

[1] דעריבער ווען [משיח, מלאכי 3:1] האדון האָט געוואוסט אז די פּרושים האָבן אויסגעפונען אז ער מאַכט מער תלמידים און דורכפירט די טבילה פון תשובה מיט מער תלמידים ווי יוחנן

[2] כאָטש רבי מלך המשיח אַליין האָט ניט פּערזענלעך דורכגעפירט  די מקוה מים טבילה--דאָס איז דורכגעפירט געוואָרן  פון זיינע תלמידים,

[3] דאַן איז רבי מלך המשיח אוועקגעגאַנגן פון דאָס לאַנד פון יהודה און איז אַוועק ווידער אין דעם גליל.

[4] און עס געווען איז נייטיק אז ער זאָל פאַרבייגיין דורך שומרוֹן.

[5] דעמאָלט, גייט ער אריַין אין א שטאָט פון שומרון וואָס מען האָט גערופן שְׁכֶם לעבן דעם פעלד וואָס יעקֹב אבינו האָט איבערגעגעבן צו יוסף בן יעקֹב.

[6] איצט איז דאָרטן געווען אַ בְּאֵר (ברונעם) פון יעקֹב. רבי מלך המשיח, ווערנדיק מיד פון זיַין רייַזע איז געזעסן דאָרט ביַי דעם בְּאֵר. די שָׁעָה (שטונדע, ציַיט) איז געווען אַן ערך השִׁשִּׁית (די זעקסטע, האַלבציַיט).

[7] אַן אִשָּׁה (פרוי) פון שומרון קומט צו ארויסנעמען מים (וואַסער). רבי מלך המשיח זאָגט צו איר, גיב מיר אַ טרונק.

[8] וויַיל רבי מלך המשיח'ס תלמידים זיַינען אַרויס צו דער שטאָט כּדי זיי זאָלן קויפן אוכֶל (שפּיַיז).

[9] דעריבער, זאָגט די אִשָּׁה פון שומרון צו  רבי מלך המשיח,

ווי אזוי קענסטו, זײַענדיק א יהודי, בעטסט פון מיר, אן אִשָׁה פון שומרון, צו ווערן געגעבן א טרונק? (ווײַל די וועלכע זײַנען יהודים האָבן ניט צו טאָן מיט די פון שומרון.

[10] אין ענטפער, רבּי מלך המשיח זאָגט צו איר, אויב דו ווייסט וועגן די מתנה (געשענק) פון השם און ווער עס איז וואָס רעדט צו דיר, גיב מיר א טרונק, וואָלסטו אים געפרעגט און ער וואָלט דיר געגעבן מים חיים (לעבעדיקע וואַסער).

[11] די אִשָׁה (פרוי) זאָגט צו רבּי מלך המשיח, אדוני, דו האָסט ניט קיין עמער און דער בְּאֵר איז טיף. פון וואַנען דאַן קענסטו האָבן די מים חיים?

[12] זיכער דו ביסט ניט א גרעסערער פון יעקב אבינו וואָס האָט געשענקט די מתנה פון דעם בְּאֵר צו אונדז און געטרונקען פון אים אליין אזוי ווי זיינע בָּנים און זײַן צֹאן האָבן געטאָן?

[13] אין ענטפער, רבּי מלך המשיח זאָגט אַלע וואָס טרינקען פון דעם מים וועלן דאָרשטיק זײַן נאָכאַמאָל,

[14] אבער יעדער איינער וואָס טרינקט פון דעם מים וואָס איך וועל אים דערלאַנגען וועט ניט דאָרשטיק זײַן ווידער, אָבער די מים וואָס איך וועל אים דערלאַנגען וועט ווערן אין אים א מקור (קוואַל) פון מים וואָס שפּרינגט ארויף צום חיי עולם.

[15] די אִשָׁה (פרוי) זאָגט צו רבּי מלך המשיח, אדוני, דערלאַנג מיר דאָס מים אַז איך זאָל ניט זײַן דורשטיק און ניט קומען אַהער ארויסצושעפּן מים.

[16] רבּי מלך המשיח זאָגט צו איר, גיי, רוף דיין בַּעַל (מאַן), און קום צוריק אַהער.

[17] אין ענטפער, זאָגט די אִשָה צו רבי מלך המשיח, איך האָב ניט א בַעַל. זאָגט ער צו איר, דו האָסט גוט גערעדט, איך האָב ניט א בַעַל.
[18] ווייל בְעֶצֶם (פאקטיש) חמישה בעלים (פינף מענער) האָסט דו געהאַט, און דער איינער וואָס דו האָסט איצט איז ניט דייַן בַעַל וואָס דו האָסט דערציילט איז אמת.
[19] די אִשָה זאָגט צו רבי מלך המשיח, אדוני, איך קען זען אז דו ביסט א נָביא.
[20] אבותינו אויף דעם באַרג האָבן תפילה געטאן און דו דערציילעט אז דער פלאַץ וואו עס איז נייטיק צו דאוונען איז אין ירושלים.
[21] רבי מלך המשיח זאָגט צו איר, האָב אמונה, גלויב מיר, אִשָה. א שעה קומט אן ווען סיַי ניט אויף דעם באַרג סיַי ניט אין ירושלים וועסט דו דאוונען צום אלוהים הָאַבֿ.
[22] דו טוט דאוונען צום וועגן וועמען דו האָסט ניט דַעַת; מיר טוט דאוונען צום וועגן וועמען מיר האָבן דַעַת, ווייל ישועת אלהינו (דערלייזונג) קומט פון די יהודים.
[23] אָבער א שעה אָן קומט, און איצט איז, ווען די פון די אמתע עבודת קודש וועלן דאוונען צום אלוהים הָאַבֿ אין דעם רוח הקודש און אין אמת, וויַיל זיכער [אלוהים] הָאַבֿ זיכט אזעלכע וואס וועלן אים דאוונען בּמִשְתַחֲוִים.
[24] השם איז רוח און עס איז נייטיק אז די אייניקע אים דאוונען בּמִשְתַחֲוִים זאָלן דאוונען אין דעם רוח הקודש און אמת.
[25] די אִשָה זאָגט צו אים, איך האָב דַעַת אז רבי מלך המשיח וועט קומען, דער איינער ווערט גערופן דער משיח. ווען ער וועט קומען, וועט ער אַלץ פראָקלאַמירן צו אונדז.
[26] יהושע זאָגט צו איר, אני הוא (איך בין ער), דער איינער

וואָס רעדט צו דיר.

[27] און אין דעם דאָזיקן מאָמענט, רבי מלך המשיח'ס תלמידים זיינען געקומען, און זיי האָבּן געוואונדערט פאַרוואָס ער האָט גערעדט מיט אַן אִשָׁה. האָט געזאָגט קיינער, אָבּער, וואָס זוכסט דו? אָדער פאַרוואָס דו רעדסט מיט איר?

[28] דערפאַר, האט די אִשָׁה פארלאָזט איר וואַסערקרוג און איז אַוועק געגאַנגען אין דער שטאָט און געזאָגט צו די בּני אדם פון דער שטאָט,

[29] קומט, זעט אַן איש וואָס האָט מיר געזאָגט אלץ וואס איך האָבּ אַמאָל געטאָן. זיכער דער איינער איז ניט רבּי מלך המשיח, איז ער?

[30] זיי זיינען אַוועק געגאַנגען פון דער שטאָט און זיינען צו אים אָנגעקומען.

[31] דערווײַלע, האָבּן רבּי מלך המשיח'ס תלמידים אים געבּעטן, רבּי, עסט.

[32] אָבּער רבּי מלך המשיח האָט זיי געזאָגט, איך האָבּ אוֹכֶל צום עסן וועגן וואָס איר האָט ניט דַעַת.

[33] דערפאר, האָבּן רבּי מלך המשיח'ס תלמידים געזאָגט צו איינערן יעדער, זיכער קיינער האָט אים עפּעס געבּראַכט צום עסן?

[34] רבּי מלך המשיח זאָגט צו זיי, מיין אוֹכֶל איז אַז איך זאָל טאַן דעם רצון פון דעם איינערן וואָס האָט מיר געשיקט און איך זאָל דערענדיקן מַעֲשֵׂה האלוהים [זיין ארבּעט, קהלת 11:5].

[35] זאָגט ניט, נאָך ארבּע חודשים (פיר מאָנאַטן) און דאַן קומט דער קציר (שניט). הִנֵה, זאָג איך צו אייך, הייבּט אויף אייערע אויגן און זעט די שָׂדוֹת (פעלדער) ווי זיי

זײַנען װײַס פאַר דעם קָציר (שניט). שוין
[36] דער אײנער װאָס שנײט באַקומט לוין און זאַמלט פּרי
פאַר חיי עולם, אַז דער אײנער װאָס פאַרפלאַנצט און דער
אַנדערער װאָס שנײַט זאָלן האָבן שימחה צוזאַמען.
[37] װײַל אין דעם איז דער װאָרט אמת, אײנער זײט און דער
אַנדערער שנײַדט.
[38] איך האָב דיר געשיקט צו אַראָפּנעמען דאָס װאָס דו
האָסט ניט געזײט; אַנדערע האָבן געאַרבעט און דו האָסט
געהאָלפן אין זײער אַרבעט.
[39] און פון יענער שטאָט פון שומרון האָבן אַסך געהאַט
אמונה אין רבּי מלך המשיח, װײַל פון די פײַערלעך דבר
פון דער אִשָׁה װאָס האָט געגעבן עדות: האָט ער מיר
געזאָגט אַלץ װאָס איך האָב אַמאָל געטאָן.
[40] דאַן װען די אײנע פון שומרון זײַנען אָנגעקומען צו רבּי
מלך המשיח, האָבן זײ אים געלאַדן ער זאָל אײנשטײן
מיט זײ, און ער איז געבּליבן מיט זײ דאָרטן יוֹמָיִם (צװײ
טעג).
[41] און אַסך מער האָבן געלײגט זײער אמונה [אין רבּי מלך
המשיח, מתּמת זײן דבר (װאָרט)
[42] און צו דער אִשָׁה האָבן זײ גערעדט, מער ניט צוליב דאָס
װאָס דו האָסט געזאָגט האָבן מיר אמונה, װײל מיר האָבן
זעלבּסט געהערט און מיר האָבן דַעַת אַז דער אײנער איז
באמת דער מוֹשִׁיעַ (גוֹאֵל) הָעוֹלָם.
[43] און נאָך יוֹמָיִם, איז ער אַרויס פון דאָרטן צו דעם גליל.
[44] װײַל רבּי מלך המשיח האָט אַלײן געגעבן פײערלעך עדות
אַז אַ נביא װערט ניט אָפּגעגעבן כּבוד אין זײַן אײגן לאַנד.
[45] דעריבּער, װען ער איז אָנגעקומען אין דעם גליל, האָבן די
אײנע פון דעם גליל אױפגענומען רבּי מלך המשיח,

ווי-באַלד (זינט) זיי האָבן אַלץ געזען וואָס ער האָט אויפגעטאָן אין ירושלים בעת דעם חג, ווייל זיי זיינען אויך געגאַנגען צו דעם חג.

[46] דאן איז רבי מלך המשיח צוריקגעקומען קיין קָנָה אין דעם גליל וואו ער האָט געביטן די מַים צו יַיִן. דאָרט איז געווען א געוויסער קיניגלעכער באַאַמטער וועמעס בן איז געווען א חולה (קראַנק) אין כפר-נַחוּם.

[47] דער מאַן, האָבנדיק געהערט אַז יהושע שטאַמט פון דעם לאַנד פון יהודה אין דעם גליל, איז צוגעגאנגען צו אים און האָט אים געפרעגט ער זאָל קומען אראָפּ און אויסהיילן זיַין בֶּן. וויַיל דער יֶלֶד איז געווען נאָענט צום שטאַרבן.

[48] דעריבער, האָט רבי מלך המשיח געזאָגט צו אים, אויב דו וועסט ניט זען אוֹתוֹת (נסימדיקע צייכנס) און מופתים (וואונדער), וועסט דו קיינמאָל האָבן אמונה.

[49] דער קיניגלעכער באַאַמטער זאָגט צו רבי מלך המשיח, אדוני, קום אַרונטער איידער מיַין יֶלֶד וועט שטארבן.

[50] רבי מלך המשיח זאָגט צו אים, גיי! בִּנְךָ חי (דיַין זון לעבט)! דער מאַן האָט אמונה אין דעם דבר וואָס רבי מלך המשיח האַט אים געזאָגט, און דער מאַן איז אוועקגעגאַנגען.

[51] און ווען דער מאַן איז אוועקגעגאַנגען, האָבן זיַינע עֲבָדִים אים געטראָפן, זאָגנדיק אַז דעם מאַנ'ס יֶלֶד לעבט.

[52] דעריבער, האָט דער מאַן זיי געפרעגט די שעה ווען דער יֶלֶד האָט אָנגעהויבן צו ווערן געזונט. דאַן האָבן זיי אים דערציילט, אתמול (נעכטן) אין דער שעה השביעית (זיבעטער שטונדע) דער פיבער האָט אים פאַרלאָזט.

[53] דעריבער, האָט דער אבא געוואוסט אז דאָס איז געווען די

זעלבּע שעה ווען רבּי מלך המשיח האָט אים געזאָגט, בּנְךָ חי! און דער מאַן און זיין גאַנץ בּית האָט אמונה.

[54] איצט דאָס איז געווען אוֹת השני (דאָס צווייטע וואונדער צייכן) וואָס רבּי מלך המשיח האָט געטאָן נאָך האָבּנדיק אַרויס פון דעם לאַנד פון יהודה צו דעם גליל.